**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/29/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**פארמערן אייער סעיווינגס: גאווערנער האקול מעלדט מער ווי 191 מיליאן דאלאר אין פאטענציעלע סעיווינגס פאר ניו יארק ארבעטגעבער צוליב די גענידערטע ארבעטערס' אנטשעדיגונג אפשאצונג ראטע**

***ארבעטער אנטשעדיגונג אפשאצונג ראטע וועט ווערן גענידערט 22 פערצענט אין 2025, רעזולטירנדיג אין סעיווינגס פאר מער ווי 400,000 קליינע ביזנעסער לענגאויס די סטעיט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז ניו יארק סטעיט ארבעטגעבער זענען ערווארטעט צו שפארן מער ווי 191 מיליאן דאלער אין 2025 צוליב א רעדוקציע אין די יערליכע ארבעטער אטשעדיגונג אפשאצונג ראטע - די ראטע איז היינט אוועקגעשטעלט געווארן אין גייט אריין אין אפעקט יאנואר 1, 2025. די ארבעטערס' אנטשעדיגונג ראטע וועט זיין 7.1 פערצענט פון די געווענליכע פרימיום אדער פרימיום עקיווילענט - א 22 פערצענט רעדוקציע פון 2024 - וואס איז ערווארטעט צו שפארן פאר ניו יארק סטעיט ביזנעסער בערך 191 מיליאן דאלאר.

"אפארדעביליטי איז וויכטיג סיי פאר ביזנעסער און ארבעטגעבער צו בליען," **האט גאווארנער געזאגט.** "די גרויסע פארמערונג אין סעיווינגס פאר ניו יארק סטעיט'ס ארבעטגעבער געבט נישט נאר צו ארבעטגעבונג געלעגנהייטן, אבער פארשטערקערט אויך די נויטיגע סערוויסעס און די קאמיוניטי וואס ביזנעסער שטעלן צו. מיר זענען איבערגעגעבן צו שטיצן אונזער סטעיט'ס ביזנעסער און זייער ארבעטער, און פארזיכערן אז זיי באקומען די בענעפיטן אויף וואס זיי פארלאזן זיך זיך אפצוגעבן מיט זיך אליין און מיט זייערע פאמיליעס."

**ניו יארק סטעיט ארבעטערס' אנשטעדיגונג באורד טשעיר קלאריסא ראדריגאז האט געזאגט,** "די באורד איז שטאלץ צו שטיין מיט די גאווערנער אין פייערונג די גרויסע סעיווינגס פאר ניו יארק'ס ביזנעסער. אפשאצונגען אויף ארבעטגעבער זענען ווייטער אראפגעגאנגען, אין די צייט וואס בענעפיטן פאר ארבעטער זענען געשטיגן אין די לעצטע יארן. מיר זענען שטאלץ פון די ארבעט וואס מיר טוען צו בויען א בעסערע ארבעטערס' אנטשעדיגונג סיסטעם פאר די שווער-ארבעטנדע ניו יארקערס' און ביזנעסער וועמען מיר סערווירן."

ארבעטסגעבער צאלן א יערליכע אפשאצונג צו אפערירן דיארבעטערס' אנטשעדיגונג סיסטעם, וואס טוט צושטעלן קריטישע בענעפיטן פאר ארבעטער וואס זענען געווארן געשעדיגט אדער זענען קראנק געווארן צוליב זייער ארבעט, באשיצנדיג ארבעטסגעבער פון קאסטבארע לאזוסטס. בויענדיג אויף גאווארנער האקול'ס איניציאטיוו צו מאכן ניו יארק סטעיט מער אפארדעבל, וועלן די פארגעשאצטע סעיווינגס רעדוצירן די יעצטיגע אפשאצונג קאסטן פאר ארבעטגעבער.

אלס די טשעיר פון די ניו יארק סטעיט ארבעטער אנטשעדיגונג באורד, טוט טשעיר ראדריגועז אראפשטעלן אן אפשאצונג ראטע פאר אלע ארבעטסגעבער אויף נאוועמבער 1 פון יעדע יאר, צו זיין

אפעקטיוו יאנואר 1 פון די קומענדיגע קאלענדער יאר. די אפשאצונג ראטעס ווערן באשטימט דורך די ארבעטער אנטשעדיגונג באורד'ס געברויך און איינגעטיילטע סטעיט-ברייטע פרימיום. די ראטע ווערט צוזאמגערעכנט דורך צוטיילן די הנהלה'ס טאטאלע פארגעשאצטע יערליכע קאסטן דורך א בעיס פון טאטאלע פארגעשאצטע סטעיט-ברייטע פרימיום. אינשורענס געבער זענען געפאדערט צו איינגעבן די אפשאצונג ראטע פאר זייער פרימיום אדער פרימיום עקיווילענט.

די אפשאצונג ראטע איז שטארק אראפגעגאנגען אין לעצטע יארן, בעיקר צוליב פרודענט מענעדשמענט צו פארשנעלערן די רונאף פון ספעציעלע ארבעטערס' אנטשעדיגונג לייעביליטיס - באוואוסט אלס ספעציעלע פאנדס - וועלכע ווערן פינאנצירט דורך די אפשאצונגען. די 2025 ראטע פון 7.1 פראצענט שפיגלט אפ אן איבער 43 פארמינערונג זייט 2019, ווען די אפשאצונג ראטע איז געווען 12.6 פראצענט. די טשארט דא אונטן ווייזט וויאזוי די ראטע האט זיך געטוישט פון 2019 ביז 2025.

| יאר | ראטע |
|---|---|
| 2019 | 12.6 |
| 2020 | 12.2 |
| 2021 | 11.2 |
| 2022 | 10.2 |
| 2023 | 9.8 |
| 2024 | 9.2 |
| **2025** | **7.1** |

פאר מער אינפארמאציע איבער די 2025 אפשאצונג ראטע, ווי אויך נאך ריסאורסעס פאר ארבעטסגעבער פארבינדן צו ארבעטערס' אנטשעדיגונג, באזוכט די NYS ארבעטערס' אנטשעדיגונג באורד'ס וועבזייטל אויף wcb.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן